מכון הליכות החיים
בס"ד ע"י
הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

# הליכות החיים

כי תצא - כי תבא | שנת תשפ"ה לפ"ק | גליון תפ"ח

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל

**גליון זה נתנדב**

ע"י ידידנו ותומכנו היקר הנדיב הנכבד

**הרה"ג ר' מרדכי אונגאר שליט"א - דומ"ץ במאנסי**

**לז"נ אביו הרה"ח הנעלה מוה"ר משה יעקב שלום ב"ר מנחם ז"ל**

לקראת יום היארצייט - ט' אלול

**יהא זכרו ברוך ותהא נשמתו צרורה בצרור החיים**

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל, יעמוד בעדו לרוות רוב נחת דקדושה מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

# הרוצה בתשובה

## אקטועלע שכיח'דיגע שאלות (מד)

### די מצוה פון "וראיתם אותו"

**שאלה: איינער וואס גייט נישט מיט די ציצית איבער'ן העמד, איז דא א חיוב אז די ציצית-פעדימער זאלן זיך ארויסשטעקן?**

**תשובה:** מען דארף זען אז די ציצית-פעדימער זאלן זיך ארויסשטעקן און דערמיט איז מען מקיים "וראיתם אותו", אז מען זאל זען די ציצית, וואס דאס ברענגט מקיים צו זיין די מצוות פון השי"ת.[1]

דער "משנה ברורה" שרייבט (סי' ח ס"ק כו) אז דער מענטש דארף זיך מתבונן זיין: אויב וואלט איינער באקומען פון א קעניג א מתנה מיט'ן נאמען פון קעניג אויסגעקריצט דערויף, וואלט ער זיך דען געשעמט דערמיט? אוודאי נישט, נאר ער וואלט שטאלצירט מיט דער מתנה פון קעניג און געוואלט אז אנדערע זאלן דאס זען.

און אוודאי מיט דער מצוה פון ציצית, וואס איז מרמז אויפ'ן אויבערשטנ'ס נאמען, איז דאס א כבוד פאר'ן מענטש ווען ער גייט דערמיט.

דער "משנה ברורה" פירט אויס, אז מען זעט אין די פסוקים, אז די אידן וואס וועלן בלייבן ווען מען משיח וועט קומען, וועלן זיין אויסגעצייכנט אין דער מצוה פון ציצית און זוכה זיין צו א גרויסן שכר.[2]

### מאכן קידוש נאכאמאל פאר די קינדער

**שאלה: עס מאכט זיך ביי מיר אפט אז איך קום אהיים שבת פון שוהל נאכ'ן דאווענען און איך וויל מאכן קידוש, אבער א טייל פון די קינדער זענען נישט אינדערהיים אדער שלאפן, און עס איז מיר שווער צו ווארטן אויף זיי.**

**צי מעג איך שפעטער מאכן נאכאמאל פאר זיי קידוש, אדער זיי זאלן אליין מאכן קידוש, און צי איז דא א חילוק צווישן קידוש פון בייטאג און ביינאכט?**

**תשובה:** פרייטאג צו-נאכט קען מען מאכן נאכאמאל קידוש פאר די קינדער וואס האבן נישט געהערט, אבער מען זאל זאגן נאר די ברכה "אשר קדשנו וכו'" און נישט "הגפן", ווייל לויט אסאך פוסקים איז דאס נישט קיין חלק פון קידוש נאר עס איז א ברכה אויפ'ן וויין, און ווען די קינדער ווילן טרינקען זאלן זיי אליין מאכן "הגפן".

שבת צופרי, וואס דער קידוש איז נאר "הגפן" צו טרינקען א כוס וויין, איז ריכטיג אז מ'זאל נישט מאכן נאכאמאל קידוש,

◄

## מיט זהירות בהלכה פארט מען גוט

לכבוד מכון הליכות החיים,

מען האט שוין אסאך געשריבן איבער דעם ענין פון "אין שומע לי ומפסיד", אז ווען מען טוט דעם רצון ה' דערלייגט מען גארנישט. איך וויל דא איבערגעבן א מורא'דיגע מעשה וואס ווייזט אונז נאכאמאל די נקודה, אז ווען מען פירט זיך כהלכה האט מען נישט קיין חרטה.

די מעשה האט פאסירט דעם זומער ביי אונז אין דער שטאט לעיקוואוד. א איד איז געפארן מיט זיין משפחה קיין ארץ ישראל אויף א פאר וואכן, און זיי האבן געוואלט צוריקקומען אין א פרייטאג. זיי האבן געטראפן עראפלאן-טיקעטס פאר א גוטן פרייז, אבער דאס האט געמיינט אז זיי וועלן אנקומען קיין לעיקוואוד ערב שבת נאכמיטאג.

דער איד האט געטראכט צו זיך, אז כאטש ער וועט נאך אנקומען באצייטנס פאר שבת, אבער אפשר איז עס נישט ריכטיג "אריינצופאלן" אינעם שבת פארמאטערטערהייט גראד פון דער לאנגער נסיעה. ער האט ווייטער געזוכט און געטראפן אן עראפלאן וואס פליט ארויס פריער און וועט לאנדן פרייטאג פארטאגס, אזוי אז ער וועט נאך אנקומען גענוג פרי ערב שבת.

די פראבלעם איז געווען, אז די טיקעט-פרייזן פאר'ן אנדערן עראפלאן זענען געווען טייערער, און עס וואלט אויסגעקומען אסאך מער געלט פאר די טיקעטס פאר דער גאנצער משפחה.

דער איד האט זיך געפונען אין א פארלעגנהייט און האט אנגערופן דעם סקווירער דיין, מו"ר הגאון הגדול רבי אברהם שפיטצער שליט"א, פון די חשוב'ע גדולי הפוסקים אין שטאט, און אים געשטעלט די שאלה, וואס ער זאל טון: צי מער ער קויפן ביליגע טיקעטס און אנקומען פרייטאג שפעט נאכמיטאג, אדער זאל ער צאלן אסאך מער געלט כדי צו קענען אנקומען גענוג פרי פאר שבת?

דער דיין האט אים געענטפערט קורץ, און מיט א קלארקייט כדרכו, אָן זיך אריינלאזן אין

**אין לעיין בגליונות בשעת התפלה וקריאת התורה כמבואר בהפוסקים לאיסור**

**מדור זה נתנדב**

לז"נ אאמו"ר אשר הי' גדול בתורה ובמעשים טובים,
שייף עייל ושייף נפיק ולא החזיק טיבותא לנפשיה

**הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל**
לקראת יום היארצייט - י"ז אלול

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל וזיכוי הרבים יהיה
לעילוי נשמתו הטהורה, ויזכה הנדבן החשוב שי' לראות רוב
שמחה ונחת בבריות גופא ונהורא מעליא והרחבת הדעת

נאר די קינדער וואס האבן נישט געהערט זאלן אליין מאכן קידוש.

## צוריקצאלן וואס מ'האט גענומען אלס קינד פון געשעפטן

**שאלה: איך בין א חתן וואס גרייט זיך חתונה צו האבן בשעה טובה ומוצלחת, און כידוע, איז תשובה טון איינע פון די עיקר הכנות צום גרויסן טאג וואס מען האט איין מאל אין לעבן, ווי עס שטייט אין ספרים הקדושים, אז דערפאר דארף מען נאך מער אכטונג געבן מתקן צו זיין יעדן חשש פון אן עבירה.**

**"את חטאי אני מזכיר"... אלס קינד, און אפילו שפעטער אלס יונג בחור'ל, האב איך ליידער אסאך מאל גענומען זאכן פון געשעפטן און נישט באצאלט** (איך פלעג **אלץ טראכטן אז עס וועט נאך קומען א טאג וואס איך וועל באצאלן). א טייל פון די געשעפטן געדענק איך נאך, אבער נישט וויפיל איך בין שולדיג, און אסאך אנדערע געדענק איך שוין ליידער נישט. די שאלה איז, צי בין איך מחוייב צו גיין רעדן מיט'ן געשעפטסמאן אז ער זאל מיר מוחל זיין, און צי איז דא א חילוק אויב עס איז געווען אלס אינגל אדער שוין נאכ'ן בר מצוה ווערן?**

**תשובה:** וואס מען האט גענומען פאר'ן בר מצוה ווערן איז מען מעיקר הדין נישט מחוייב צו באצאלן ווען מען האט עס מער נישט, וויבאלד א קטן איז מחוייב צו באצאלן נאר ווען די זאך איז נאך דא, אבער וואס מען האט גענומען נאכ'ן בר מצוה איז מען מחוייב צו באצאלן.[3]

אויב עס איז אומבאקוועם צו רעדן אליין צום געשעפטסמאן, זאל מען שיקן אן אנדערן וואס זאל רעדן צו אים און זאגן אז מען ווייסט נישט פינקטליך וויפיל מען האט גענומען, און בעטן אויב ער קען עס מוחל זיין.

אויב געדענקט מען נישט פאר וועמען מען איז שולדיג, און אזוי אויך אויב מען האט איינעם געמאכט א שאדן און מען געדענקט

⮜

שאלות פון "מותר-אסור": "זאלסט קומען מיט'ן פליגער וואס קומט אן שוין פארטאגס. דער שבת וועט נישט שולדיג בלייבן!"

דער איד האט זיך ארומגעזען אין א נסיון. מאכנדיג א קלארן חשבון פון די טיקעט-פרייזן, האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער עראפלאן וואס קומט אן פריער וועט אים אפקאסטן העכער דריי טויזנט דאלער מער! האט ער געטראכט צו זיך, נאך אלעם רעדט מען נישט דא פון קיין ספק חילול שבת ח"ו, און אפילו אויב דער וועג וועט זיך אביסל פארשלעפן, וועט ער אלנפאלס אנקומען אינדערהיים נאך פאר שבת, און היות עס האט זיך געהאנדלט אין א הפסד מרובה פון עטליכע אלפים, האט ער זיך נישט געקענט גובר זיין און באשלאסן צו קומען מיט'ן ביליגערן עראפלאן.

מה עשה הקדוש ברוך הוא?... יענעם דאנערשטאג האט אויסגעבראכן די "12-טאגיגע מלחמה" מיט איראן, און דער גאנצער עירפארט אין ארץ ישראל האט זיך אפגעשלאסן. אין יוצא ואין בא... דער לעצטער עראפלאן וואס איז ארויסגעפלויגן קיין אמעריקע איז געווען דער עראפלאן וואס איז אנגעקומען פרייטאג פארטאגס.

יענעם פרייטאג איז ער שוין נישט אנגעקומען קיין אמעריקע, און אויך די אנדערע וואך האט ער געמוזט בלייבן אין ארץ ישראל און האט נישט געקענט אהיימפארן. אויסער דעם האט ער נאך שפעטער צוגעצאלט שווערע געלטער אזוי ווי נאך אנדערע אידן אהיימצוקומען דורך ירדן אדער מצרים.

וואס לערנט אונז די מעשה? אז ווען מען האט א שאלה, פרעגט מען א דעת תורה און מען טוט וואס עס איז ריכטיג, אָן אריינפאלן אין א לומד'ישע שקלא-וטריא צו טרעפן היתרים. און ווען מען טוט וואס מען דארף, "פארט מען גוט", און סוף-כל-סוף קאסט עס ביליגער...

רש"י הק' זאגט אין מסכת ביצה (דף טז), אז וואס מען גיט אויס אויף הוצאות שבת ויום-טוב קומט צוריק; אמאל זעט מען עס באלד, און אמאל נישט, אבער קיינמאל דערלייגט מען נישט. אין די פעלער וואס מען זעט עס באלד, דארף עס זיין א דערמאנונג און חיזוק אויף אלעמאל, אז "אין שומע לי ומפסיד".

י. ש., לעיקוואוד

בס"ד

# פינת צדקת צדיקי הדורות

## קטע ממכתב קודש

מאת כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק השר שלום מבעלזא זצוק"ל
יומא דהילולא כ"ז אלול

...כי אמרו ז"ל מי שזוכה מזמנים לו עניים הגונים ומי שאינו זוכה מכשילין אותו וכו' ומי כמוהם עניים הגונים אשר רובם שמו נפשם מנגד ומשליכין עסקי עוה"ז אחרי גיוום ויחיו בחיי צער ובכל יום מצפים לשלחן אחרים אשר חייהם אינם חיים כדי לשקוד על התורה ועל העבודה ולהסתפח בנחלת ה', וגם אמרו במעלת הצדקה זו למעלה מזו הנותן ואינו יודע למי נותן והמקבל ואינו יודע ממי מקבל ובצדקה זאת תרווייהו איתנהו בה

עמוד הצדקה והחסד בארה"ק
חבת ירושלים
ואהבת ציון אל תשכח לנצח
בית הכנסת
על קבר רבי מאיר בעל הנס

עמוד הצדקה והחסד בארה"ק
צדקת רבי מאיר בעל הנס
כולל חבת ירושלים

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת האי גברא יקירא

**הרב ר' פינחס צבי דוב**
**ב"ר יהושע ז"ל פריינד**

**בעמח"ס שלשלת פינחס**

יארצייט ביום שב"ק י"ג אלול - יהא זכרו ברוך

**הונצח ע"י בניו החשובים**

**ר' שלמה לייב ור' יוסף משה הי"ו**

נישט פאר וועמען, זאל מען געבן א סכום געלט פאר "צרכי רבים", צ.ב.ש. פאר "הצלה", "חסד", א.ד.ג., און מען זאל עס דורכרעדן מיט א מורה הוראה.[4]

## אויב מ'צאלט א הלוואה שפעט און דאס געלט איז שוין ווערד ווייניגער

**שאלה: איך האב געבארגט פון א איד א סכום פון פינף-און-צוואנציג טויזנט דאלער מיט'ן חשבון פלאן דאס צו באצאלן ביז איין יאר. למעשה איז עס נישט געגאנגען ווי געפלאנט, איך האב דערלייגט געלט און ערשט יעצט, פינף יאר שפעטער, איז מיר געלונגען זיך אביסל צוריקצוכאפן. עס איז דאס ערשטע מאל וואס איך האב א מעגליכקייט צו באצאלן.**

**די ווערד פון געלט איז זינט דעמאלט גאר אסאך געפאלן. אויב עס האט בשעתו געקאסט פינף הונדערט טויזנט דאלער צו קויפן א הויז, האלט עס שוין יעצט ביי העכער זיבן הונדערט און פופציג טויזנט דאלער. צי דארף איך באצאלן די ווערד פון דעמאלט בשעת דער הלוואה, ד.ה. פינף-און-צוואנציג טויזנט דאלער, אדער איך דארף צוריקצאלן מער, לויט דער היינטיגער ווערד פונעם געלט? און אויב דארף איך באצאלן נאר לויט ווי עס איז דעמאלט ווערד געווען, מעג איך באצאלן מער, אדער עס איז א שאלה פון ריבית?**

**תשובה:** ווען מען בארגט געלט פון איינעם, איז מען מחוייב צו באצאלן אין דער צייט וואס מען האט אפגעמאכט. אויב מען האט נישט דאס געלט, דארף מען טון אלעס וואס איז מעגליך צו קענען יענעם צוריקצאלן.[5]

אין פאל מען האט בשום-אופן נישט געקענט באצאלן, און די ווערד פונעם געלט איז דערווייל געפאלן, דארף מען מעיקר ההלכה נישט באצאלן מער ווי מען האט געבארגט.

אויב מען וויל באצאלן מער פון אייגענעם ווילן, ווייל מען פילט שלעכט אז יענער האט געהאט א שאדן, איז א מחלוקת הפוסקים צי עס איז מותר צו באצאלן מער ווי מען איז מחוייב, אלס ריבית.

להלכה, אויב יענער מאנט נישט מער און מען גיט עס אים צו אין א שפעטערע צייט, נישט צוזאמען מיט'ן געלט וואס מען דארף אים הלכה'דיג באצאלן, איז עס מותר.[6]

## טרינקען קאווע אויפ'ן עראפלאן

**שאלה: ווען מען פארט אין אן עראפלאן און מען טיילט הייס וואסער אדער שווארצע קאווע פון א פלאש ("פיטשער"), צי מעג מען נעמען דערפון?**

**תשובה:** מען זאל נישט נעמען קיין הייס וואסער אדער שווארצע קאווע פון פלאש, וויבאלד עס ווערט אויסגעוואשן מיט הייס וואסער צוזאמען מיט טריפה'נע כלים און עס האט עס אין זיך א נישט-כשר'ע בליעה.

מען קען אבער נעמען דירעקט פונעם קעסל אין וואס עס ווערט געקאכט דארט.

קאווע מיט א "פלעיוואר" מעג מען טרינקען נאר אויב מען ווייסט אז עס האט א גוטן הכשר.

## דאס נחת רוח פאר זיי אויבן דורך אונזערע מעשים

לכבוד מכון הליכות החיים, א גוט יאר!

פאראיארן, אנפאנג זומער, איז אונזער עלטער-באבע ע"ה אוועק פון דער וועלט. מיין מומע פלעגט צינדן א ליכט ביז יעצט זומער, ווען זי איז געקומען אין קאנטרי און אויפגעהערט צינדן די ליכט.

נעכטן נאכט האט זי געזען מיין עלטער-באבע אין חלום. זי איז געווען פריינטליך און האט געזאגט, "איך האב דיך שוין לאנג נישט געזען." מיין מומע האט איר געפרעגט אין חלום, "וואס זוכסטו?" האט זי געזאגט אז זי זוכט די ליכט.

מען זעט אז עס איז גאר א גרויסע זאך פאר דער נשמה צו צינדן א ליכט, און וואס ס'מיינט אז אויף דער וועלט קען מען אויפטון פאר א נשמה אויף יענער יענער וועלט.

יעדעס מאל וואס מיר טוען עפעס, צ.ב.ש. מען לערנט אדער מען גיט צדקה, לעילוי נשמת פון א נאענטן אדער אן אנדערן, איז דאס א הנאה פאר דער נשמה אין עולם העליון. מיר קענען גארנישט באגרייפן דאס חשיבות דערפון, און די זכותים טוען אונז ביישטיין לעולמי עד.

יישר כח פאר'ן גליון און הצלחה רבה!

## 'וברכת' איז אריינגעקומען אינעם מעניו...

עס דערציילט הרה"ג ר' אברהם ישעי' וואזנער שליט"א, מו"ץ בשיכון סקווירא: פארגאנגענעם מיטוואך פרשת עקב, האט א איד מיך אפגעשטעלט און מעורר געווען אז די וואך אין דער פרשה איז דא די מצות עשה פון "ואכלת ושבעת וברכת", די מצוה פון ברכת המזון, די איינציגסטע ברכות וואס זענען מן התורה.

דער איד האט מיר געזאגט, "קריאה מעורר הזמן, וואלט מען אפשר געדארפט רעדן, דערמאנענדיג אויף די 'הלכה מעסעדזשעס' א ווארט וועגן מצות ברכת המזון." איך האב אים באדאנקט, און דעם אנדערן טאג, דאנערשטאג, האב איך טאקע דערציילט וועגן א איד פון מאנסי, ר' משה ווילינגער, וואס ביי אים און זיין משפחה איז מען גאר שטארק מהדר אין דער מצוה פון ברכת המזון, וואס מען איז מקיים טעגליך און מען בענטשט פון אינעווייניג הויך אויפ'ן קול.

אין טאג איז ער געפארן מיט זיין משפחה קיין באלטימאר, און אינמיטן וועג האט מען זיך

⮜

1. סי' כד ס"א כתב השו"ע שנכון ללבשו על הבגדים. ועי' בשועה"ר סי' ח סי"ב דכיון שטעם לבישת הציצית הוא כדי לזכור המצוות, לפיכך הלובש טלית קטן יזהר ללובשו על בגדיו, כדי שתמיד יראהו ויזכור המצוות, **ואותן שלובשין אותו תחת הבגדים יזהרו שילבשו אותו באופן שיראו הציצית תמיד שע"י ראייתן יזכרו המצוות תמיד.**
2. וע"ע פסקי תשובות סי' כד אות ו בגודל הסגולות במצוה זו.
3. כמבואר בחו"מ סי' שמט ס"ג קטן שגנב מחזירין קרן לבעלים אם הוא בעין, ועי' סמ"ע חו"מ שפו סק"ז, ועי' בספרנו ממונם של ישראל ח"ב ע' פב.
4. עי' מ"ב סי' שמג סק"ט דלפנים משורת הדין ישלם מה שיכול, ובכל אופן אין החיוב על האב לשלם, ועי' פס"ת שם אות יד. ויש סוברים שגם לצאת ידי שמים א"צ לשלם עי' פסקי המשפט שמט אות ג.
5. עי' בר"י פ"ב ס"ב חומר האיסור של עיכוב מעות חבירו שלא מרצונו אפילו בא לידו בהיתר וברשות אם מאחר לשלם בזמן.
6. עי' בר"י עיק"ד פ"ב סי"ד, שאסור לתת יותר אע"פ שפלוני הרויח בהמעות, אלא אם רוצה יכול ליתן לו בדרך מתנה כמה ימים אח"כ מבלי לפרש. ובשו"ת עמק התשובה ח"ב סי' סז דעתו להתיר דהו"ל מבטל כיסו של חבירו.
7. כמבואר בשו"ת חיי הלוי ח"א סי' נח, ובשו"ת משנת שלום לגיסי הגר"ש פאללאק שליט"א ח"ב סי' יב, שבירר כל השיטות בזה באריכות נפלאה. ועי' בספרנו הפרשה בהלכה יתרו עה"פ לא תעשון אתי ושם ע' רלג בשם הגה"ק מצעהלים זצ"ל.

**נא לשמור על קדושת הגליון** - נתפרסם לשם נשמת **כ"ק הגה"ק האדמו"ר מוויזשניץ זי"ע** שהעיר בתמידות על זהירות בכבוד הספרים וכדומה

**מדור זה נתנדב**

לזכות רפואה שלימה לחולה
**ר' שלמה בנציון בן פעשא צינא**
הקדוש ברוך הוא ימלא רחמים עליו להחלימו ולרפאותו ולהחזיקו ולהחיותו וישלח לו מהרה רפואה שלמה מן השמים, עם כל חולי ישראל, רפואת הנפש ורפואת הגוף, השתא בעגלא ובזמן קריב

## אוועקגעבן אן עלי' פאר א צוויטן

**שאלה: עס מאכט זיך אמאל אז מען וויל מיר מכבד זיין מיט אן עלי', "הגבה", אדער "גלילה", און איך זע נעבן מיר אן איש מכובד אדער איינעם וואס איך ווייס אז ער וועט שטארק הנאה האבן אז מען זאל אים מכבד זיין. צי מעג איך בעטן אז מען זאל עס יענעם געבן, אדער עס איז א זלזול אינעם חשיבות פונעם כיבוד?**

**תשובה:** אויב מען רופט איינעם אויף צו דער תורה, דארף ער עולה זיין און נישט בעטן אז מען זאל מכבד זיין א צווייטן. אויב מען האט אים נאכנישט אויפגערופן, נאר ער זעט אדער פארשטייט אז מען וויל אים אויפרופן, מעג ער בעטן אז מען זאל מכבד זיין אן אנדערן.

אויב מען איז אים מכבד מיט "הגבה" אדער "גלילה", קען ער יא איבערגעבן דעם כיבוד פאר א צווייטן, וויבאלד מען רופט נישט אויף זיין נאמען, און עס הייסט נישט ווי מען איז מזלזל דערין, וויבאלד מען טוט עס אלס חסד פאר א צווייטן.

אויב מען האט אים אויפגערופן צו "הגבה" אדער גלילה" מיט א "מי שברך", אזוי ווי מען פירט זיך שבת, זאל מען אננעמען דעם כיבוד און עס נישט איבערגעבן פאר אן אנדערן.

## צוריקלייגן א האנט פון א דאל

**שאלה: צי מעג מען צוריקלייגן די האנט אדער פוס פון א דאַל וואס איז אראפגעפאלן?**

**תשובה:** ווען מען קויפט א דאַל, מוז מען לויט רוב פוסקים באלד אפשניידן א שטיקל פון דער נאז אדער אויער אויף א פלאץ וואס מען דערקענט, אפילו עס איז געמאכט נאר פאר'ן באנוץ פון קליינע קינדער.

טייל פוסקים זענען מקיל ביי די ביליגע סארט דאַלס וואס מען האלט נישט חשוב, ד.ה. מען לאזט עס זיך וואלגערן אויף דער ערד, אבער אסאך פוסקים האלטן אז מען דארף מחמיר זיין, און עס זענען געוועזן צדיקים וואס האבן מקפיד געווען נישט אריינצוגיין אין א הויז וואס עס איז געווען דארט א דאַל וואס מען האט נישט אפגעשניטן דערפון.

אויב עס איז אראפגעפאלן א האנט אדער א פוס אפילו פון א ביליגן סארט דאַל וואס מען האט נישט אפגעשניטן דערפון קיין שטיקל, איז אסאך הארבער עס צוריקצולייגן און מען טאר עס נישט צוריקלייגן פאר מען שניידט אפ א שטיקל.[7]

**איר קענט אריינשיקן שאלות און הערות צו 4592885mhh@gmail.com**
**אדער דורך לאזן א מעסעדזש אויף 845-276-3170**

פרייטאג צונאכטס ווען עס איז אראפגעפאלן א ברענענדיגע ליכט אויף דער טישטוך, האבן מיינע קינדער באלד געוואוסט וואס מ'קען טון.

ווי אזוי?
**דורכ'ן לערנען "3 הלכות" ביי דער שבת-סעודה!**




**א ספעציעלן פרייז יעצט פאר קעמפס און מוסדות התורה** - רופט 845-659-1547

אפגעשטעלט מקיים זיין מצות נטילת ידים און ברכת המזון. מען האט זיך געוואשן און געגעסן, אבער ווען עס איז געקומען צום בענטשן, האבן זיי זיך געכאפט אז זיי האבן נישט קיין בענטשערס. וואס טוט מען ? "איך האב א המצאה!" רופט זיך אן דער טאטע. "א פען און פאפיר האבן מיר, וועל איך שרייבן די ברכה פון 'הזן', און דו," האט ער זיך געווענדן צו איינעם פון די קינדער, "וועסט שרייבן 'נודה וכו'", און אזוי וועט מען אפשרייבן דאס גאנצע בענטשן. איינער וועט בענטשן נאכ'ן אנדערן."

וכך הוה. מיט גרויס חביבות צו מצות ברכת המזון, האבן זיי דאס מקיים געווען למעשה. מען האט זיך געזעצט שרייבן דאס בענטשן און דערנאך געבענטשט.

נאכדעם וואס יעדער האט אפגעבענטשט, האבן זיך אלע צוריק אריינגעזעצט אין קאר צו פארן ווייטער. אינמיטן וועג איז געשען א שרעקליכע עקסידענט, ה"י - א צוזאמענשטויס פון פינף קארס, צוויי פאר זיי און צוויי נאך זיי, און זיי אינדערמיט. עס זענען געווען ל"ע אסאך געשעדיגטע, אבער זיי אלע זענען ב"ה ארויס גאנץ, אָן קיין קראץ! אפילו די קאר אליין איז געווען שוואך געשעדיגט.

עס איז מקויים געווארן ביי זיי וואס עס שטייט אין די ראשונים, אז ווער עס בענטשט ברכת המזון בכוונה, איז נישט שולט אין אים, נישט קיין "שצף", נישט קיין "קצף" און נישט קיין "חרון אף"; און ווי די ראשונים ערקלערן, אז דערפאר איז נישטא דער אות ף' אינעם גאנצן בענטשן.

*

די מעשה האב איך, ווי געזאגט, דערציילט דאנערשטאג פרשת עקב.

דעם אנדערן מאנטאג, פרשת ראה, רופט אן צו מיר א איד פון סקווירא און זאגט מיר: "איר האט דערציילט פאריגע וואך א מעשה וועגן ברכת המזון. נעכטן, זונטאג, האב איך געהערט דעם מעסעדזש, און איך האב געטראכט צו מיר: ברכת המזון איז דאך נישט קיין אויסגעטראפענע סגולה. עס שטייט שוין אין זוהר הק' אז ווען מען בענטשט בשמחה מיט כוונה, ברענגט דאס פרנסה בהרחבה און אלע ישועות. נו, פארוואס טאקע נישט?... אפשר איז צייט זיך צו נעמען אין האנט אריין.

"איך בין א פארנומענער איד וואס באשעפטיגט זיך מיט ריעל עסטעיט," האט ער מיר ווייטער געזאגט. "ווי באוואוסט, איז אין די לעצטערע צייטן שווערער געווארן אין דעם פעלד, און דאס זעלבע איז געווען ביי מיר אויך. איך האב געהאלטן אינמיטן אסאך פראיעקטן,

# אם כסף תלוה

## דיני הלואה (ז)

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת

**הבה"ח יוסף יהושע ע"ה פריעדמאן**

**בן האי גברא איש טוב ומטיב מוה"ר אליעזר שי'**

שהלך לעולמו ביום י"א אלול לדאבון לב כל בית ישראל

**די זכות פון אלע קבלות טובות פון אלפי ישראל**
**זאל זיין לעילוי נשמתו, און ער זאל זיין א מליץ**
**יושר פאר זיינע עלטערן און גאנץ כלל ישראל**

**יהא זכרו ברוך**

### אם הלוה אינו משלם

**א]** אם הגיע זמן הפרעון והמלוה אינו תובעו לא נמחל החוב ואפי' אחר כמה שנים[1].

**ב]** אם הלוה הפקיד אצל המלוה מעות וכשאינו משלם את החוב רוצה המלוה ליקח את מעות הפקדון בשביל חובו מעיקר הדין מותר ליפרע ממעות אלו[2], אבל ע"פ זוה"ק[3] הוא איסור חמור לעכב פקדון של חבירו בשביל חובו[4], דמשום נאמנות צריך למיעבד השבה מעליא של הפקדון, ולכן בעל נפש ירחיק מזה[5].

### אם המלוה יכול להחזיק בכסף שהוא חייב להלוה

**ג]** אם הלוה עשה איזה מלאכה להמלוה או מכר לו איזה דבר והמלוה עדיין חייב לו המעות בשביל המלאכה או המכירה, יכול לנכות מדמים אלו את הסכום של החוב אם הלוה אינו משלם[6].

**ד]** אבל אם הסכימו המלוה והלוה על עסק מכירה שימכור לו איזה חפץ לאחר זמן הפרעון, והלוה כבר נתן מעות להמלוה על חשבון המכירה[7] אין המלוה יכול לומר שקיבל המעות על חשבון החוב ולא על חשבון המכירה, אבל יכול המלוה לעכב מליתן לו החפץ עד שיפרע לו את החוב.

### אם מותר לנכות את חובו ממעות מעשר

**ה]** מי שהלוה מעות לעני, או שנעשה ערב בשבילו ושילם החוב בעבור העני והעני אינו משלם, אם הי' בדעתו מתחילה שאם לא ישלם לו העני ינכה את החוב ממעות מעשר שלו רשאי לעשותו[8].

אבל אם בשעת ההלואה לא הי' בדעתו לנכותו ממעות מעשר יש מחמירים שלא לנכות אלא אם כן הוא מודיע להעני שא"צ לשלם לו משום שמנכה אותו ממעות מעשר.

### לקבץ מעות צדקה בשביל החוב שלא נפרע

**ו]** מותר להמלוה לקבץ מעות צדקה בשביל חוב שהלוה לעני אם מודיע להנותנים שמקבצם בשביל גביית חוב של עני, וא"צ לפרש שם העני, וגם א"צ להודיע להעני[9].

**1.** סי' צ"ח ס"א דאפי' שהה כמה שנים ולא תבעו א"א דמחל לו, ואפילו שמעו שנתייאש מהחוב לגמרי ואמר 'וי ליה להחסרון כיס' אי"ז יאוש. והטעם לזה מבואר בסי' רס"ב ס"ה ברמ"א דדוקא במציאה אמרינן דכשאדם אומר וי ליה לחסרון כיס הוי יאוש, אבל מי שיש לו חוב אצל נכרי אע"פ שאומר וי ליה לחסרון כיס לא הוי יאוש, דהואיל שכל חוב הוי ספק אי משתלם או לא לכן מספיקא אומר כן ולא גמר ומייאש. **2.** ראה בשו"ע ס"ד דעת הריב"ש דאף שאין לו רשות לאדם למשכן חפצו של חבירו בשביל חובו, מ"מ אם המעות כבר אצלו בפקדון וכדומ' דמותר לתופסו, וכ"ה ביש"ש (פרק המניח סי' ה) דזה לא נקרא עביד דינא לנפשי' שהרי לא תפס אלא שמעכב את שלו בשב ואל תעשה. **3.** פרשת במדבר וז"ל: פתח ואמר ה' אורי וישעי (תהלים כז, א) וכו', ובר נש בעי לאקדמא ולמפקד בידיה נפשיה בפקדונא כפקדונא דבר נש דיהיב פקדונא לאחרא, דאע"ג דאיהו אתחייב לגביה יתיר מההוא פקדונא לאו כדאי לאתאחדא ביה הואיל ופקדונא אתמסר לגביה, ואי יסרב בי' ודאי נבדוק אבתרי' דלאו מזרעא קדישא הוא ולאו מבני מהימנותא וכו'. [תרגום: ובן אדם צריך להקדים ולהפקיד בידו את נפשו בפקדון, כפקדון דבן אדם אשר נותן פקדונו לאחר, דאע"ג שהוא נתחייב לו יותר מההוא פקדון, אינו נכון להחזיק בו הואיל ופקדון מסר לו, ואם יסרב בו (ויחזיק בו) ודאי נבדוק אחריו דלא מזרע קודש הוא ולא מבני האמונה וכו']. **4.** ועיין בפ"ת סק"ב בשם הרמ"ע מפאנו דחומרת הזוהר הוא דוקא כשהפקידו אצלו לאחר ההלואה, וראה בספר שו"ת משנת שלום מה שהאריך בזה גיסי הגה"צ ר' שלום פאללאק שליט"א חבר הבד"ץ דשיכון סקווירא יע"א. **5.** לשון קצוה"ח סי' ד'. **6.** כן מבואר בחו"מ סי' ר"ד סי"א דיכול לעכבם לעצמו עד שיפרע לו ואינו במי שפרע. **7.** וראה בקצוה"ח סק"ה דהיינו דוקא אם נתרצה המלוה בפי' להמכירה ואמר לו שימכור לו אותו דבר בכך וכך, אבל אם הלוה אמר להמלוה הילך מנה בעבור חפץ זו והמלוה לקחו, יכול לטעון אין שקלי ודידי שקלי כיון דלא נתרצה לו מעיקרא בפי', ובנתיה"מ (סי' ק"צ חידושים סק"ט) מבאר דתוכ"ד יכול המלוה לומר שנוטל זה בעד חובו ואינו רוצה בהמכירה. ועיין פת"ח פ"ו ס"ח. **8.** הש"ך (ביו"ד רנ"ז סק"ב) כותב דרק אם מחשבתו היתה בשעת ההלואה על דעת זה שאם לא יפרענו לו ינכה ממעות מעשר יכול לעשות כן, אבל בנוב"י תנינא סי' קצ"ט מבאר דבירושלמי כבר נחלקו בכעין זה, ומוכח שם דההלכה כדעת ר' זעירא דאף בלא הלוהו ע"ד כן יכול לגבות ממעשרותיו (והובא בפ"ת), אך מצריך שם שיטול רשות מהעני הלוה, ואף בנטילת רשות לא יעשה כן אלא אם הוא באופן שאף אם לא הי' חייב לו העני כלום נמי הי' נותן לו ממעשרותיו, דאל"כ לא שבקת חיי לעניים דכל עשיר יש לו חובות שנתייאשו ויפריש מעשרותיו על אלו החובות והמעשרות לא יגיעו לעולם לידי העניים, ע"כ. ובאגרו"מ סי' קנ"ג מבאר דעתו דבאמת אם נפסוק כר' זעירא שפיר יכול ליתנו לעני אף בלי נטילת רשות, דאין לזה סברא שיצטרך ליטול רשות מהעני, אבל בעיקרא דמילתא קשה להכריע נגד הש"ך באופן שקיבל ע"ע ליתן מעשר כספים בנדר, אבל אם התנה מתחילה שכל מעשרותיו הם "בלי נדר" בוודאי שיכול לסמוך על שיטת ר' זעירא דאף כשלא הלוהו ע"ד כן אם הוא עני כזה שרשאי לקבל צדקה רשאי להלוות מתחלה ממעות מעשר לעניים בפעם הבא, או להתנות ע"מ לגבות ממעות מעשר ע"כ. ובמנח"י ח"ה סי' ל"ד כותב דאף דהנוב"י כתב דדוקא כשהי' ממילא נותן מעשרותיו לאותו עני מותר לגבות מזה, אעפ"כ יש לו עצה אף אם הוא עני כזה שלא הי' נותן לו ממילא ממעשרותיו, דהיינו שיתן המעות להעני ויאמר לו שנותן לו המעשר כדי שיוכל לשלם חובו לאלתר, ונוטלו בחזרה בעבור תשלום החוב עיי"ש. **9.** ראה בספר צדקה ומשפט פ"ב הע' נ"א, ובשו"ת קנין תורה ח"ג סי' ק"י.

וואס לויט'ן חשבון וואלט עס שוין געדארפט האלטן נאכ'ן 'קלאָוזן', אבער במציאות איז עס נישט געווען אזוי, און דאס האט מיר געמאכט שווער, נישט האבנדיג ביי זיך געלט וואס איך האב זיך געהאט גערעכנט אז איך וועל האבן.

"הערנדיג דעם מעסעדזש, האב איך געטראכט: רבותי, מיר וועלן בענטשן... ביי אונז אין שטוב גייט מען אנהייבן בענטשן. דעם 'ואכלת ושבעת' זענען מיר ב"ה מקיים, נו, וועט מען צולייגן אויך 'וברכת' אינעם מעניו... פון היינט אן ביי נאכטמאל, וועלן מיר יעדן אוונט בענטשן ברכת המזון. דאס איז געווען מיין מחשבה און קבלה נעכטן, זונטאג.

"היינט, מאנטאג, איין טאג נאכדעם וואס איך האב זיך דאס אונטערגענומען, האב איך באקומען א מודעה: מען האט מיר גערופן וועגן א געוויסע 'קלאָוזינג' וואס איך האב געמאכט א לאנגע צייט פריער און געזאגט אז מען האט יעצט איבערגערעכנט די חשבונות, און עס קומט אויס אז איך האב איבערגעצאלט. מען וויל מיר צוריקשיקן א ריזיגן סכום געלט.

"איך בין געווען שאקירט פון דער מעלדונג, נישט וויסנדיג פינקטליך פארוואס מען האלט אז איך האב איבערגעצאלט, און פארוואס עס איז פונקט יעצט דארט ארויפגעקומען אויפ'ן געדאנק. אבער איך האב מחליט געווען זיי צו גלייבן מיט'ן פולסטן נאמנות... מען האט מיר טאקע אריינגעשיקט די ריזיגע סומע - וואס האט מיך פשוט ארויסגענומען פון אלע שוועריגקייטן. השי"ת זאל העלפן ווייטער," האט דער איד אויסגעפירט זיין ערציילונג.

*

די זעלבע וואך, דאנערשטאג, דערציילט מיר אן אנדערער יונגערמאן אז ער איז געפארן אין וועג, און דער דרייווער האט אנגעצונדן דעם אויבנדערמאנטן מעסעדזש. הערנדיג די מעשה האט דער יונגערמאן געטראכט צו זיך: מיין פרוי זוכט א דזשאב שוין א לאנגע צייט, אפשר זאלן מיר זיך מחזק זיין אין ברכת המזון. ער האט עס איבערגערעדט אין שטוב, און עס איז געבליבן אז יא, די מצות עשה פון ברכת המזון וועט ווערן א געשעצטע מצוה אין זייער טעגליך לעבן.

דעם אנדערן צופרי האט מען געטון למעשה. א פאר מינוט שפעטער, האט מען גערופן פון א פלאץ וואו זיין פרוי האט א צייט צוריק פרובירט בעטן פאר א דזשאב, וואס זי האט געוואוסט אז אסאך ווארטן דערויף, און געפרעגט אויב זי וואלט אריבערגעקומען צו אן אינטערוויו... זי האט שפעטער באקומען דעם דזשאב.

איבערצושמועסן די הלכות וואס ווערן גערבערנגט אינעם גליון, אדער צו איבערלאזן א שאלה קען מען רופן 845-499-5084
אויב קיין ענטפער, ביטע לאזט איבער א מעסעדזש

## הגליון והפצתו נתנדב

ע"י ידידנו הנדיב הנכבד הרה"ח ר' **יעקב אהרן ווערצבערגער** שליט"א

לרגל השמחה במעונו בנישואי בנו החתן **ירוחם זאב** נ"י עב"ג **הכלה המהוללה תחי'** נ"י בת מוה"ר **בנימין זאב גליק** הי"ו

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדם לבנות בית נאמן בישראל בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות

ונר זכרון לשם נשמת הרבנית הצדקנית **פיגא שפרה** ע"ה, בת הרה"ק רבי **חי יצחק** זצללה"ה **מראחמיסטריווקא**

א"ח של יבלחט"א **כ"ק מרן אדמו"ר מוויזשניץ-קייאמישע שליט"א** - ששל"ח ביום ח' אלול העבר

בגן עדן תהא מנוחתה ותהא נשמתה צרורה בצרור החיים ותמליץ טוב בעד כל מוקירי זכרה הבהיר וכל בית ישראל

## לברך ברכה עם בגדי שחייה

למע"כ מכון 'הליכות החיים',

ראשית כל אפתח דבריי בברכת הכרת הטובה על על הגליונות הנפלאים מדי שבועיים בשאלות הנחוצות בד' חלקי שו"ע, להשים לפני הקוראים כשולחן הערוך ומוכן לאכול.

רציתי להוסיף הערה קטנה בנוגע השאלה שכתבתם להתיר בענין לברך ברכה כשלבוש עם בגדי שחייה, יש לציין שכל זה הוא בשעת הדחק, אבל לכתחילה נכון שילביש עצמו כראוי, וכמש"כ המשנ"ב בסוף סי' עד ס"ק כב על מש"כ המחבר שאפשר לקרות קרי"ש כשמכוסה ממתניו ולמטה, שזהו רק במקום הדחק, דאל"ה אין נכון לכתחלה לעשות כן אפילו באיזה ברכה וכ"ש בק"ש.

ויה"ר שתזכו להמשיך לזכות את הרבים מתוך הרחבת הדעת.

## חכמים הזהרו בדרכיכ"ם

לכבוד מכון הליכות החיים, ובראשם הגאון הרב הערשל ראזענפעלד שליט"א,

אין איינעם פון די גליונות איז געשטאנען א שאלה, אויב איינער האט זיך געיאגט ערב שבת און איז געפארן שנעל און האט דורך דעם מזיק געווען א צווייטנ'ס קאר, צי ער האט א טענה אז ער האט זיך געאיילט צו זיין גרייט אויף שבת אין צייט און דערפאר דארף ער נישט באצאלן.

די תשובה איז געווען אז ער איז מחוייב צו באצאלן, וויבאלד חז"ל האבן גע'פטר'ט פון באצאלן פאר'ן מאכן א שאדן ערב שבת ווען מען איילט זיך נאר ווען מען איז געלאפן, וואס דאס איז געווען מיט רשות פון די חכמים, וואס האבן ערלויבט צו לויפן אין רשות-הרבים ערב שבת כדי צו זיין גרייט אויף שבת, אבער פאָרן שנעל מיט'ן קאר א.ד.ג., וואס דאס איז פיקוח נפשות, דאס האבן חז"ל נישט ערלויבט אפילו ערב שבת, און דערפאר מוז מען באצאלן דעם שאדן.

עס וואלט געווען וויכטיג צו מעורר זיין: די טעג ווערן יעצט קלענער און עס ווערט פריער שבת. עס איז א וויטאגליכער מציאות, אז מענטשן פארגעסן זיך צומאל און פארן זייער שנעל אין די נאכמיטאג-שעה'ן ערב שבת, אויף אן אופן וואס עס שטעלט איין דאס אייגענע לעבן און די לעבנס פון אנדערע, ה"י, און דאס האט שוין ל"ע געברענגט אסאך אומגליקן.

עס דארף באטאנט ווערן א פשוט'ע נקודה. מיר באמיען זיך אלעמאל אז אלע אונזערע מעשים זאלן זיין אויסגעהאלטן על-פי הלכה, און נישט וויניגער דארף מען אכטונג געבן ווען עס קומט צו דער מצוה און אזהרה פון "ונשמרתם מאוד לנפשותיכם".

איך האב געהערט פון אן עד נאמן, אז הגה"צ רבי משה ניישלאס זצ"ל, אבד"ק שיכון סקווירא, איז אמאל אריינגעפארן פון סקווירא קיין ברוקלין, און דער דרייווער איז געפארן גאר שנעל. אינמיטן די "פּאליסעידס" האט ער געהייסן דעם דרייווער זיך שטעלן אין דער זייט, און ער האט געעפנט די טיר און געזאגט פאר דעם דרייווער אז ער האט א הלכה ווי א "רודף", און ער וויל בשום אופן נישט פארן מיט אים ווייטער.

[וראה בזה בשו"ת שבט הלוי (ח"ו סי' קיב): אלו הנוסעים במכונית אוטא במהירות גדולה, וכל אחד רוצה להקדים לחבירו וכבר ידוע כמה קפחו חייהם כבר בעו"ה והיא סכנה גמורה זה וכיו"ב ספק רציחה ספק מאבד עצמו לדעת. עכ"ל. ושם (ח"ז סי' קנט): שלא יסכן מְספק את אחרים או עצמו צריך שיהי' ברור למעלה מכל ספק. ובשו"ת מנחת יצחק (ח"ח, סי' קמח), האריך בזה וכ' בא"ד: דפשיטא דבנוסע במהירות מופרזת אשר לא יוכל לעצור את הרכב ברגע שיצטרך לעצור מבלי לגרום אסון, דדינו כרודף וכו' (ומציין לשו"ע חו"מ סי' שע"ח ונו"כ); וכמו"כ באינו עוצר הרכב בשעה שמסומן עבורו, שיוכלו הולכי רגל לעבור הכביש, או שעוקף רכב אחר בצורה המסכנת כו' דכל אלו בכלל רודף המסכן עצמו ואחרים, ואף אם אין כוונתו לסכן הוי בכלל רודף.]

עס איז באוואוסט, אז מען האט אמאל געפרעגט דעם הייליגן בעלזער רב זי"ע איבער א סגולה אויף שמירה אויף די וועגן. האט ער געזאגט אז מען זאל טון הכנסת אורחים מיט'ן קאר און מען זאל היטן די געזעצן ווי א דאורייתא.

בזכות פון זהירות אין דעם ענין, זאלן מיר זוכה זיין צו שמירה עליונה און עס זאל מקויים ווערן די תפלה "ושמור צאתנו ובואנו לחיים ולשלום מעתה ועד עולם".

ידידכם מאז, יעקב יוסף ווייס, מחבר ספרי 'בנתיבות החיים'

*

פאריגע וואך דינסטאג פרשת שופטים, רופט מיר אן א חשוב'ער יונגערמאן און דערציילט מיט התרגשות: "עס איז דא איינער וואס קומט מיר א גרויסן סכום געלט פון דרייסיג טויזנט דאלער שוין גאר א לאנגע צייט, אבער ער צאלט עס נישט, און איך וואלט דאס געקענט שטארק ניצן.

"פארנדיג אויף די 'פּאליסעידס', האב איך געהערט די מעשיות וואס איר האט דערציילט, און איך האב געטראכט צו מיר: איך וואש זיך יעדן טאג און בענטש ברכת המזון אינעווייניג שוין ביז יעצט אויך. ווען וועל איך שוין האבן צו דערציילן עפעס א געלונגענע מעשה?...

"איך האב געטראכט צו זיך, וואס קען איך עפעס פארבעסערן אינעם בענטשן, וואס זאל זיין א זכות פאר מיר? דאן האב איך באשלאסן אז מהיום והלאה וועט מיין סעלפאן זיין אויסגעלאשן בשעת'ן בענטשן. אזוי וועל איך קענען בענטשן בכוונה און אינזין האבן די ווערטער, וואס דאס איז פון די הלכות פון מצות ברכת המזון.

"און נאך א זאך: איך וועל צולייגן פאר'ן בענטשן א האלבע מינוט מחשבה, פשוט, צו טראכטן: רבוש"ע, איך גיי יעצט בענטשן פאר דיר אויף דער שפע וואס דו גיבסט אונז. אזא מחשבה נעמט טאקע נישט מער ווי א האלבע מינוט, אבער עס קען ענדערן דעם גאנצן צוגאנג צום בענטשן און העלפן צו קענען בענטשן ווי עס דארף צו זיין.

"איר וועט נישט גלייבן..." פירט אויס דער יונגערמאן צו מיר. "א שעה מיט א האלב שפעטער, זענען די דרייסיג טויזנט דאלער געווען 'אריינגעווייערט' אין מיין באנק-אקאונט."

דער מהרש"א זאגט דאך שוין (מסכת נזיר): די ווערטער פון ברכת המזון זענען ווי כלי-מלחמה, וואס מען צעברעכט דערמיט די מקטרגים וואס ווילן שטערן די שפע פונעם מענטשנ'ס פרנסה.

*

**מיטצוטיילן ערשט האנטיגע מעשיות להנאת אלפי הקוראים, ביטע פארבינדט זיך צו דער הנהלת המכון דורך 4592885mhh@gmail.com, אדער דורכ'ן פעקס: 845-517-1692, אדער לאזט א מעסעדזש אויפ'ן טעלעפאן: 845-276-3170**

**לז"נ מוה"ר שמואל דוד ב"ר צבי פינחס הכהן ע"ה**
**ומוה"ר ישכר בער ב"ר טובי' גדלי' ע"ה**
לא השאירו אחריהם זש"ק
ונא ללמוד לעילוי נשמתם

מיט'ן מנדב זיין דעם גליון "הליכות החיים", האט איר די זכות הרבים פון **זעכציג טויזנט אידן** בליעה"ר. רופט: 845-659-1547

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת

הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170